פרשת אחרי קדושים ||| שנת תשפ״ה לפ״ק ||| גליון קב

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט״א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט״א

באידיש

א בר אבטח
ד ל״ג בעומר
ח עבודה למחשבה

## בר אבטח

### עם מדושני עונג;

די זיסע תענוג פון בטחון

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור ג, יום ראשון פרשת אמור, ט' אייר תש״פ

חלק א

א

## כגמול עלי אמו; שמחה אין אַלע אומשטענדן מיט אַ נעימות'דיגע רואיגקייט

**אותיות מחכימות**

וּמֵהֶם, שִׂמְחָתוֹ בְּכָל עִנְיָן שֶׁיַּעְתִּיק אֵלָיו, וְאִם יִהְיֶה כְּנֶגֶד טִבְעוֹ, מִפְּנֵי בִּטְחוֹנוֹ בֵּאלֹקִים שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה לוֹ אֶלָּא הַטּוֹב לוֹ בְּכָל עִנְיָן, כַּאֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה הָאֵם הַחוֹמֶלֶת לִבְנָהּ בִּרְחִיצָתוֹ וְחִתּוּלוֹ וּקְשִׁירָתוֹ וְהַתָּרָתוֹ עַל כָּרְחוֹ. כְּמוֹ שֶׁאָמַר דָּוִד עָלָיו הַשָּׁלוֹם (תהלים קלא, ב) אִם לֹא שִׁוִּיתִי וְדוֹמַמְתִּי נַפְשִׁי, כְּגָמוּל עֲלֵי אִמּוֹ כַּגָּמוּל עָלַי נַפְשִׁי.

### אַן אייביגע שמחה אין יעדן מצב

דער חובת הלבבות ענדיגט זיין פּתיחה צום שער הבטחון מיט'ן דערמאַנען די לעצטע תועלת פון אַ לאַנגע ליסטע וואָס דער בעל בטחון וועט פאַרדינען בגשמיות. אַצינד קומט דער חובת הלבבות אָן צום שפּיץ: **וּמֵהֶם, שִׂמְחָתוֹ בְּכָל עִנְיָן שֶׁיַּעְתִּיק אֵלָיו, וְאִם יִהְיֶה כְּנֶגֶד טִבְעוֹ.** דער בעל בטחון בלייבט אַלעמאָל בשמחה, ביי יעדע סאָרט מצב וואָס השי״ת מאַכט מיט אים, און אפילו אויב ס'איז קעגן זיין טבע.

די מפרשים זענען מסביר אַז אויב דער מענטש ווערט חלילה אַ יורד פון זיין פאַרמעגן, דאַרף מען געוועגליך שווער אַרבעטן אַז ס'זאָל נישט ווי טון, אָבער דער בעל בטחון שטייט נאָך אויף אַ העכערע שטאַפּל, אַז ער איז מצליח אפילו צו בלייבן בשמחה אויך אין אַזאַ לאַגע ווען ער האָט פאַרלוירן זיין געלט. **מִפְּנֵי בִּטְחוֹנוֹ בֵּאלֹקִים שֶׁלֹּא יַעֲשֶׂה לוֹ אֶלָּא הַטּוֹב לוֹ בְּכָל עִנְיָן** - וויבאַלד ער האָט בטחון אַז דער רבוש״ע גייט אים נישט מאַכן גאָרנישט קיין שלעכטס, נאר וואָס ס'איז גוט פאַר אים אין יעדן ענין. ער ווייסט אַז אַלעס וואָס השי״ת טוט, איז דאָס בעסטע זאַך וואָס קען נאר זיין פאַר'ן מענטש.

### אַזויווי אין די הענט פון אַ געטרייע מאַמע

**כַּאֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה הָאֵם הַחוֹמֶלֶת לִבְנָהּ בִּרְחִיצָתוֹ וְחִתּוּלוֹ וּקְשִׁירָתוֹ וְהַתָּרָתוֹ עַל כָּרְחוֹ** - אַזויווי אַ מאַמע מאַכט אַסאַך פּעולות פאַר'ן קינד, ווייל זי האָט רחמנות אויף אים, טראַכטענדיג וואָס צומאָל וויל נישט דאָס קינד, אָבער באמת איז עס די בעסטע זאַך פאַר אים. די מאַמע וואַשט אים אַרום, זי וויקלט אים איין, זי בינדט אים אַריין, און עפענט אים, טראָצדעם וואָס דאָס קינד שטעלט זיך קעגן. אָבער ס'איז פּשוט אַז די מאַמע טוט דאָס אַלס אַ חלק פון איר מוטער'ליכע רחמנות.

דער בעל בטחון שפּירט פונקט אַזוי, ביי יעדע זאַך וואָס פּאַסירט מיט אים. ער שפּירט אַז יעצט רייניגט מען אים, יעצט בינדט מען אים צו, יעצט וויקלט מען אים איין. ער האָט די הרגשה ביי יעדן מצב אין זיין לעבן אַז דער רבוש״ע איז כביכול אַזויווי אַ מאַמע וואָס גיט זיך אָפּ מיט אים.

**כְּמוֹ שֶׁאָמַר דָּוִד עָלָיו הַשָּׁלוֹם** (תהלים קלא, ב) **אִם לֹא שִׁוִּיתִי וְדוֹמַמְתִּי נַפְשִׁי, כְּגָמוּל עֲלֵי אִמּוֹ כַּגָּמוּל עָלַי נַפְשִׁי** - וויאַזוי נעמט דוד המלך די כוחות זיך צו מחזק זיין אין אַלע סאָרט מצבים פון צער?! ווייל ער איז אַלעמאָל מרגיש דאָס געפיל פון 'כגמול עלי אמו', ווי אַ קינד וואָס ווייסט אַז די מאַמע גיט זיך אָפּ מיט אים. אפילו ווען ס'טוט אים וויי איז אַלעס מתוך רחמים וחסדים. און דאָס גיט פאר דוד המלך די כוחות אַז ער זאָל באמת האָבן אַ שמחה דורכאויס אַלע מצבים וואָס ער גייט אַריבער.

### גאָרנישט קען נישט אַוועקנעמען די שלוות הנפש

דער חובת הלבבות האָט געשטעלט אָט דעם

**אפילו ווען ס'טוט אים וויי איז אַלעס מתוך רחמים וחסדים**

תועלת ביים סוף פון דער ליסטע, ווי צו זאָגן פאַר'ן מענטש: איך האָב דאָ אויסגערעכנט אַ גאַנצע רשימה פון גוטע תועלת'ן וואָס דער בעל בטחון באַקומט, אָבער **יעצט קומט מען אָן צום שפּיץ: אַז גאָרנישט אין דער וועלט וועט דיר קענען צונעמען דיין שמחה!** גאָרנישט אין דער וועלט וועט דיר קענען אַרויסנעמען פון דיין שלוות הנפש און קרבת אלקים! ס'איז נישט משנה וועלכע סאָרט צער דו וועסט האָבן, וועט עס אַלעמאָל זיין צוזאַמען מיט דער הרגשה ווי אַ מאַמע וואָס גיט זיך אָפּ מיט איר קינד. אַזאַ צער טוט קיינמאָל נישט וויי.

ב

# וטוב לב משתה תמיד; בטחון ברענגט אַן אומבאַשרייבליכע פאַרגעניגן פון קרבת אלקים

## די הרגשה נפלאה אַז השי"ת איז אַלעמאָל מיט מיר

דער חובת הלבבות רעדט דאָ פון אַ ספּעציעלע תענוג, וואָס דער בעל בטחון איז זוכה דערצו, אַסאַך מער ווי סתם אמונה אַז אַלעס וואָס השי"ת טוט, איז צום גוטן. **דער בעל בטחון איז זוכה צו שפּירן אַ נאָנטע ליבליכע הרגשה**, אַז דער רבוש"ע גיט זיך אָפּ מיט אים פּערזענליך, אַזויווי אַ געטרייע מאַמע מיט איר באַליבט קינד. דאָס גיט פאַר'ן מענטש אַן אומבאַשרייבליכע געשמאַקע און זיסע געפיל.

דוד המלך זאָגט אין תהלים (לב, י): **רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ.** - דער רשע, וואָס איז דערווייטערט פון אמונה בה', האָט אַסאַך ווייטאָג. אַלעס וואָס ער גייט אַריבער טוט אים וויי. דאָ האָט זיך זיין בגד אַריינגעכאַפּט אין אַ נאָגל און ס'האָט זיך צעריסן... דאָ האָט ער געכאַפּט אַ שניט... דאָ האָט ער געהאַט עגמת נפש מיט געלט זאַכן... דאָ האָט ער געהאַט אַ פּרשה פון בין אדם לחבירו... דאָ איז ער אַריבער ווייטאָג מיט משפּחה... און יעדע זאַך טוט אים וויי, רבים מכאובים לרשע.

**אָבער דער בוטח בה' איז אַרומגענומען מיט חסד!** ער שפּירט נישט די שוועריגקייטן און ס'טוט אים גאָרנישט וויי, ווייל **ער לעבט מיט אַ זיסע הרגשה פון נועם ה'**, אַז השי"ת שיצט אים און באַגלייט אים, ווי אַ מאַמע וואָס גיט זיך אָפּ מיט איר קינד.

אַזוי טייטשן די ראשונים דעם פּסוק (משלי טו, טו): **כָּל יְמֵי עָנִי רָעִים וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד.** אַז דאָס וואָרט 'עני' גייט אַרויף אויף אַן 'עני בדעת', אַזאַ איינער וואָס האָט נישט גענוג אמונה ובטחון, און **דעריבער איז טאַקע זיין גאַנצע לעבן אַ לעבן פון צער**, ווייל יעדע קליינינגקייט טוט אים וויי. אָבער 'טוב לב', **איינער וואָס איז אַ 'שמח בחלקו', איז 'משתה תמיד'**. ער ווייסט אַז דער רבוש"ע גיט אים אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן, און ער שפּירט נישט דעם 'כל ימי עני רעים'.

## די אומריכטיגע אָפּטייטש פון 'חסד יסובבנו'

ס'איז דאָ מענטשן וואָס מיינען אַז 'בוטח בה' חסד יסובבנו' איז טייטש אַז דער בעל בטחון וועט געראַטעוועט ווערן פון אַלע פּראָבלעמען אויף דער וועלט; ער וועט נישט דאַרפן דורכגיין קיין שוועריגקייטן און זיין לעבן וועט קלאַפּן אַ מחיי'. ער וועט נישט פאַרלירן קיין געלט, ער וועט נישט האָבן קיין אומגליקן ח"ו, ער וועט האָבן אַ שיינע משפּחה מיט בלויז נחת, ער וועט זיך נישט מוטשן מיט'ן חינוך פון די קינדער, ער וועט האָבן אַ ברייטע דירה מיט אַ ישוב הדעת, ער וועט האָבן אַ גוטע קשר מיט מענטשן. א.א.וו.

דאָס איז אָבער אַ קליינקעפּיגע בליק, **כאילו די שפּיץ גליק וואָס אַ מענטש קען האָבן, איז ווען ער האָט 'נישט' קיין פּראָבלעמען**, און ווען ער האָט 'נישט' קיין שוועריגקייטן. איינער וואָס האָט נישט קיין השגות טייטשט אַזוי אָפּ דעם 'חסד יסובבנו'. ער האָפט אַז די גאַנצע שכר פון דעם בעל בטחון מיינט דאָס.

## די אמת'ע שכר פאר בטחון איז: נועם ה'

זאָגט אָבער דער חובת הלבבות אַז ס'איז דאָ אַ צווייטע שטאַפּל וואָס איז אַסאַך מער דערפון! די צווייטע שטאַפּל איז **די געוואַלדיגע געפיל פון עונג און קרבת אלקים**, אין יעדן מצב - אפילו ווען מ'גייט יאָ אַמאָל אַריבער אַ פּראָבלעם.

ס'איז נישט משנה וועלכע סאָרט צער דו וועסט האָבן, וועט עס אַלעמאָל זיין צוזאַמען מיט דער הרגשה ווי אַ מאַמע וואָס גיט זיך אָפּ מיט איר קינד

דער חובת הלבבות לערנט אונז אַז פון הימל גיט מען פאַר'ן בעל בטחון אַסאַך אַ גרעסערע מתנה, דאָס איז **די געשמאַקע הרגשה פון נאָנטקייט צום אויבערשטן**, און די תענוג פון שפּירן די אהבה וואָס השי"ת האָט צו אים, אויף יעדן טריט און שריט. דאָס איז אַ וואונדערליכע עונג, וואָס קומט נישט 'ווייל כ'האָב נישט קיין פּראָבלעמען', נאר 'ווייל כ'האָב יאָ תענוג פון קרבת אלקים'.

אַזאַ געפיל איז אינגאַנצן אַ נייע דרגא פון תענוג, דער מענטש שפּירט ממש די הרגשה פון 'מדושני עונג', אַלעמאָל און נאָכאַנאַנד, ערב בוקר וצהרים. סיי ווען ס'איז יאָ דאָ שוועריגקייטן, און סיי ווען ס'איז נישט דאָ שוועריגקייטן. אָבער ער פילט גאָרנישט די אַלע צרות, **ווייל ער איז איינגעטינקן אין אַזאַ מין עונג!** ער שפּירט אַלעמאָל אַז השי"ת איז דאָ נעבן אים און נעמט אים אַרום פון אַלע זייטן. ער זעט דאָס בחוש און ער איז מלא שמחה ווייל ער איז מרגיש באַשיינפּערליך דעם 'כי אתה עמדי', און אויטאָמאַטיש לעבט ער בלויז אַרומגענומען מיט גוטס.

## אַ געשמאַקע לעבן פון 'לבו טוב עליו'

צומאָל איז דער מענטש אַזוי פאַרנומען אַוועקצולויפן פון פּראָבלעמען, ווייל ער רעדט זיך איין אַז דאָס איז די בעסטע זאַך אַז ער זאָל 'נישט' האָבן קיין שום ווייטאָגן בגוף ובנפש. אָבער ער כאַפּט נישט אַז דאָס בלויז די ערשטע שטאַפּל. אַ איד וואָס האָט בטחון, קען צוקומען צו אַסאַך אַ העכערע און בעסערע געפיל פון אמת'ע תענוג!

אין ספר **'מנורת המאור הקדמון'** (להג"ר ישראל אלנקאוה זצ"ל, תלמיד הרא"ש) שטייט אויפ'ן פסוק: 'כל ימי עני רעים וטוב לב משתה תמיד', אַז איינער וואָס איז אַן אָרימאַן אין אמונה, איז כל ימיו אַרומגענומען מיט 'עצב ודאגה'. אָבער ווער ס'איז אַ שמח בחלקו און ער גלייבט אַז השי"ת וועט אים צושטעלן זיין פּרנסה אַלעמאָל ווען

# ער פילט גאָרנישט די אַלע צרות, ווייל ער איז אײַנגעטינקן אין אַזאַ מין עונג!

ער ווערט דאָס דאַרפן, אַזאַ איינער איז **'לעולם לבו טוב עליו'**. אין יעדן מצב אין דער וועלט, 24 שעה אין דעם מעת לעת, 365 טעג אין יאָר, איז ער גוט אויפגעלייגט, ווייל ס'איז **'כאילו שלחן ערוך ומשתה לפניו תמיד'**. ער האָט אַלעמאָל אן אָנגעגרייטע סעודה.

דאָס איז די פאַרקערטע פון דעם 'ימי עני רעים'. איינער וואָס האָט בטחון איז נישט בלויז אַז ער גייט נישט האָבן קיין שלעכטס, נאר ס'איז 'לבו טוב עליו'. דער רבוש"ע גיט אים אַלעמאָל אַ זיסע געפיל פון תענוג, ער האָט אַ באַ'טעמ'טע געשמאַקע עדן'דיגע סאָרט לעבן.

ג

## נועם הנשמות ועדן הנפשות; אַן אמונה'דיגע לעבן פון וואונדערליכע תענוג

### געְ'חזר'ט דאָס לשון פון די פסוקים אין תהלים

עס האָט פאַרציילט דער באַקאַנטער סלאָנימער חסיד, הרה"ח רבי **ישראל שמעון קאסטעלעניץ** זצ"ל, אַז אין די יונגע יאָרן, ווען האָט ער געוואוינט אין טבריה, איז געווען דאָרט אַ תקופה פון גאָר אַ שווערער הונגער. מ'האָט זיך ממש געדראַפּעט אויף די ווענט צו באַקומען אַביסל עסן אין מויל.

אין איינע פון די טעג, האָבן די חסידים אין טבריי' געשמועסט צווישן זיך וועגן דעם שווערן מצב: וואָס וועט דאָ זיין? ס'איז דאָך נישטאָ אַביסל ברויט אַריינצונעמען אין מויל; ס'איז נישטאָ קיין פרוטה צו קענען עפּעס קויפן...

איז דאָרט געשטאַנען אַ פאַרצייטישער געוויקטער חסיד, הרה"צ רבי נח ווײַנבערג זצ"ל, און ער האָט פשוט אָנגעהויבן איבערזאָגן דאָס לשון פון די פסוקים אין תהלים (לז, יח יט): **יוֹדֵעַ ה' יְמֵי תְמִימִם וְנַחֲלָתָם לְעוֹלָם תִּהְיֶה, לֹא יֵבֹשׁוּ בְּעֵת רָעָה וּבִימֵי רְעָבוֹן יִשְׂבָּעוּ.**

דוד המלך רעדט אין יענעם קאַפּיטל וועגן די אידן וועלכע זענען מקיים דעם 'ורעה אמונה', און ער זאָגט אַז 'יודע ה' ימי תמימים' - דער רבוש"ע איז אַלעמאָל מחובר מיט זיי. 'לא יבושו בעת רעה' - זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט שעמען ווען זיי גייען אַריבער אַ שווערע צייט. 'ובימי רעבון ישבעו' - זיי ווערן זאַט אפילו ווען ס'איז דאָ טעג פון הונגער.

### זיבעציג יאָר שפּעטער געבליבן מיט'ן זיסן טעם...

ר' נח האָט מיט'ן איבערזאָגן די ווערטער אַריינגעברענגט אַזאַ חיות און אַזאַ ליכטיגקייט אין די אַלע אָנוועזנדע אידן, אַזש אַז **זיי האָבן ממש געשפּירט בחוש דאָס באַדייט פון די ווערטער**, אַז דער בעל בטחון קען בלייבן מיט זיין ישוב הדעת און מיט זיין געשמאַקע רואיגע הרגשה, אפילו ווען ס'איז 'ימי רעבון', אפילו ווען עס הערשט אַ הונגער.

ווען ר' ישראל שמעון האָט דאָס איבערגעזאָגט אין זיינע עלטערע יאָרן, פלעגט ער זאָגן: גלייבט מיר, ס'איז שוין מער פון זיבעציג יאָר אַריבער זינט דאַן, אָבער **יעדעס מאָל ווען איך דערמאַן זיך וויאַזוי ר' נח האָט געזאָגט די פסוקים, שפּיר איך נאָך יעצט דעם זיסן טעם, מתוק מדבש, וואָס איז אונז דעמאָלט אַריין אין נפש**, הערנדיג וויאַזוי דאָס איז געזאָגט געוואָרן!

### מיט בטחון האָט מען אייביג אַ מנוחה פון שבת

דער בעל בטחון באַקומט טאַקע אָט די מתנה אַז ער לעבט אַלעמאָל מיט דעם מנוחה וואָס מיר טרעפן אין די תפלות פון שב"ק - וואָס איז דער יום המנוחה: 'ומניח בקדושה לעם מדושני עונג', אָדער 'שבענו מטובך'. די אַלע לשונות ווייזן אונז אַז די תענוג פון אַ איד איז נישט בלויז ווייל ער איז רואיג און ער האָט נישט קיין פּראָבלעמען. נאר ס'איז אַסאַך אַ העכערע געפיל פון קרבת ה', ווי **רבי אהרן הגדול** האָט מייסד געווען אין זיין זמר: **'השבת נועם הנשמות ועדן הנפשות, להתעדן באהבתך וביראתך'.**

כלל ישראל ווייסט זייער גוט וואָס דאָס מיינט זיך משתעשע זיין מיט'ן רבוש"ע און וויאַזוי מ'באַקומט תענוג מיט עדן אפילו אויף דער וועלט. **דער בעל בטחון איז זוכה דערצו מיט אַ קביעות, אין אַלע סאָרט מצבים!**

### 'אור לא יכילהו הרעיון'

דער הייליגער **קאָמאַרנער** זצ"ל שרייבט אין ספר היכל הברכה (פ' דברים) אַז ווען אַ איד לייגט זיך אַריין צו לעבן מיט אַן אמונה שלימה אַז ס'איז נישטאָ קיין שום מציאות אויף דער וועלט נאר השי"ת, און אין יעדע תנועה איז דאָ דער 'אלופו של עולם', און ער איז מקבל אַלעס באהבה, **דעמאָלט וועט זיך אים עפענען די שערי רחמים און ער וועט באַלאָכטן ווערן מיט אַן 'אור לא יכילהו הרעיון'**. דער בעל בטחון באַקומט אַ געוואַלדיגע ליכטיגקייט און געשמאַק וואָס מ'קען עס גאָרנישט מסביר זיין און מ'קען עס נישט תופס זיין מיט אַ גשמיות'דיגע פאַרשטאַנד.

אין ספר זוהר חי פרשת וארא פאַרציילט דער קאָמאַרנער אויף זיך אַליין, אַז ער האָט זיך געמוטשעט מיט געוואַלדיגע דחקות און עניות, מיט טלטול פון צער און גלות, חירופים וגידופים און חלישות הדעת. אָבער **די אמונה האָט אים געברענגט אַזאַ אור עליון** וואָס האָט אים אַרומגענומען און האָט אים מחי' געווען אַז ער האָט בכלל נישט געשפּירט די אַלע צער.

פון אָט דעם תענוג רעדט דער חובת הלבבות, אַז **דאָס איז דער שכר וואָס דער בעל בטחון גייט באַקומען אויף דער וועלט!** ער וועט שפּירן אַזאַ געוואַלדיגע נאָנטקייט צום אויבערשטן, און ער וועט אַלעמאָל זיין אַרומגענומען מיט שמחה און תענוג פון דעם געפיל שפּירנדיג דעם 'נפשי לה' כגמול עלי אמו'.

**אותיות מחכימות**

ספה"ק היכל הברכה: (פרשת דברים)

כִּי בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁמַּאֲמִין שֶׁאֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְתִּי ה' יִתְבָּרַךְ וּבְכָל תְּנוּעָה אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם מַמָּשׁ, וִיקַבֵּל הַכֹּל בְּאַהֲבָה, אֲזַי פִּתְאוֹם יָבוֹא הָאָדוֹן לְהֵיכָלוֹ וְיִפָּתְחוּ כָּל תַּרְעֵי דְּרַחֲמֵי, וְיָאִיר עָלָיו אוֹר לֹא יְכִילֵהוּ הָרַעְיוֹן.

ספה"ק זהר חי (פרשת וארא):

תַּאֲמִינוּ לִי אָחִי, כִּי אִם לָאו זֶה הַיְדִיעָה שֶׁבְּכָל תְּנוּעָה אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם וְהַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ מַנְהִיגֵנִי, הָיִיתִי מִסְתַּלֵּק זֶה מִכְּבָר מִן הָעוֹלָם מֵרֹב הַדֹּחַק וְהָעֹנִי וְהַטִּלְטוּל וְהַצַּעַר וְהַגָּלוּת וְחֵרוּפִים וְגִדּוּפִים וַחֲלִישׁוּת הַדַּעַת. אַךְ הָאֱמוּנָה מְבִיאָה עָלַי אוֹר עֶלְיוֹן שֶׁמַּקִּיף אוֹתִי וּמְחַיֶּה אוֹתִי שֶׁלֹּא אַרְגִּישׁ כְּלָל לֹא מֵהֶם וְלֹא מֵהֲמוֹנָם.

# ל"ג בעומר

## אור היקוד הם יוקדים;

די סיבה פון דער גרויסער שמחה אין דעם טאָג ל"ג בעומר

יום ראשון פרשת בהר (אמור בחו"ל) - ז' אייר תשפ"ב

א

# אשרי העם הם לומדיך; אָפּלערנען ל"ג בעומר, כדי זיך צו מחבר זיין צום פּנימיות היום

### מ'קען זיין אין מירון, אָבער נישט זיין מחובר

ווען ס'קומט דער גרויסער טאָג פון ל"ג בעומר איז דאָ אַסאַך אידן וואָס שפּירן דערינען אַ געוואַלדיגע פּנימיות'דיגע תענוג, ווייל זיי האָבן אַ געוויסע אינערליכע חיבור מיט דעם גרויסן טאָג. אָבער ס'איז אויך פאַרהאַן אַזעלכע וואָס **ביי זיי איז די גאַנצע ל"ג בעומר פאַרבינדן מיט חיצוניות'דיגע זאַכן**. צום ביישפּיל, דער מענטש וואוינט ערגעץ אין חוץ לארץ און ער שפּירט אַז ער האָט נישט קיין שייכות מיט'ן יום טוב, איז ער מחליט צו זיין אויף ל"ג בעומר אין מירון, אָבער ער ווערט בעיקר פאַרנומען צו פאַרדינגען דירות און דאָרט ערלעדיגן פאַרשידענע ענינים... אַלע ווייסן שוין אַז ער פאָרט אויף ל"ג בעומר ווייל ער האָט דאָרט גאַנצע עסקים. די שאלה וואָס מ'פרעגט אים נאר אין בית המדרש איז: "ווען פאָרסטו?"...

וואָס פאַסירט אָבער ווען ס'מאַכט זיך אַז דער מענטש קען נישט פאָרן. דעמאָלט קומט אַרויס די אמת'ע נקודה: **וויאַזוי קוקט אַצינד אויס זיין ל"ג בעומר?!** אויב זאָגט דער מענטש: "טאָמער איך קען נישט פאָרן, איז גאָרנישט", איז פּשט דערפון אַז אַלע יאָרן האָט ער גענומען חיות פון דער נסיעה; פון דעם טויש אין זיין סקעדזשול; און פון אַלע אַרומיגע מצבים, ס'איז אַלעס זייער פיין, **אָבער ער האָט נישט קיין שייכות מיט דעם פּינטל פון דעם יום טוב**. ער איז נישט מחובר צו ל"ג בעומר.

דאָס איז פּונקט אַזוי מצוי אויך ביי מענטשן וואָס וואוינען אין ארץ ישראל. **ס'איז זייער לייכט זיך צו מחבר זיין מיט אַלע חיצוניות'דיגע חלקים פון ל"ג בעומר**. אָבער אַ מענטש קען זיך מתבונן זיין ווען ס'מאַכט זיך אַ יאָר וואָס ער קען נישט פאָרן, און ער האָט נישט דעם גאַנצן 'מצב'. אויב שפּירט ער דעמאָלט אויסגעלאָשן, איז דאָס אַ סימן אַז ער האָט קיינמאָל נישט ריכטיג דערהערט דעם באַדייט פון דעם טאָג.

### יעדער איד קען זיך מקשר זיין מיט דער פּנימיות היום

ס'איז אָבער דאָ אַ געוואַלדיגע בשורה טובה, אַז אין יעדן שטאַפּל פון לעבן, אויך ביי די ניינציג יאָר אַלט, **קען מען זיך פון פריש מחבר זיין צו דעם קדושת היום**. ס'איז קיינמאָל נישט צו שפּעט דערפאַר.

לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז די אַלע דברי תורה פון די תלמידי בעש"ט הק' איבער דאָס גרויסקייט פון ל"ג בעומר, **האָבן די צדיקים געזאָגט אין חוץ לארץ**. רובא דרובא צדיקים זענען ניטאַמאָל געווען אין מירון, חוץ געציילטע יחידי סגולה, אָבער זיי האָבן געהאַט אַזאַ ליכטיגקייט און אַזאַ קאָך אין דעם טאָג. פאַרוואָס?! **ווייל זיי זענען געווען מחובר צו דער פּנימיות פון דעם טאָג**. זיי האָבן געהאַט אַ השגה אין די קדושה פון 'רבי שמעון'; זיי האָבן געוואוסט וואָס פאַסירט אין דעם טאָג; און זיי האָבן זיך מחבר געווען דערמיט ביז למעשה, אַזוי אַז זיי האָבן טאַקע געשפּירט דעם מורא'דיגן תענוג פון דעם טאָג ל"ג בעומר, **אָפּגעזען פון דעם פּלאַץ וואו זיי האָבן זיך געפינען**.

יעדער איינציגער איד האָט דעם זעלבן כח, לפי מדרגתו, אַז **ער קען זיך מחבר זיין צו דעם פּנימיות היום**. באמת איז דער זעלבער כלל אַקטועל ביי יעדן יום טוב, ווען ס'איז דאָ ליידער מענטשן וואָס גייען פאַרביי די הייליגע זמנים זייענדיג פאַרנומען מיט אַרומיגע נאַרישקייטן. אָבער יעצט רעדט מען לגבי ל"ג בעומר, אַז **יעדער איד האָט די מעגליכקייט** אָנצוקומען צו אַ געוואַלדיגע תענוג אין אַזאַ הייליגן טאָג.

> רובא דרובא צדיקים זענען ניטאַמאָל געווען אין מירון, חוץ געציילטע יחידי סגולה, אָבער זיי האָבן געהאַט אַזאַ ליכטיגקייט און אַזאַ קאָך אין דעם טאָג.

### דער עיקר שייכות דאַרף זיין בפּנימיות

דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן אַ מתנה וואָס הייסט ל"ג בעומר, און **דאָס איז בכלל נישט תלוי אין קיין שום חיצוניות'דיגע זאַכן**, ווי מ'זעט דאָס קלאָר אַז צדיקים וואָס זענען בכלל נישט געווען אין מירון האָבן געהאַט אַזאַ טיפע הרגשה אין דעם טאָג.

אודאי אויב קען מען פאָרן קיין מירון איז עס זייער חשוב, אָבער **די מתנה פון ל"ג בעומר איז נישט אָנגעהאָנגען אין דעם**. ס'איז נעבעך דאָ מענטשן וואָס זייער גאַנצע מטרה פון פאָרן קיין מירון איז צו קענען פאַרציילן און איבערזאָגן שפּעטער ביי וויפיל הדלקות ער איז געווען; וויאַזוי ער איז אָנגעקומען אין דער מערה; און וויפיל בילדער ער האָט געכאַפּט פון דעם מצב. **דער מענטש איז טאַקע געווען אין דער מערה, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט'ן טאָג ל"ג בעומר**. ס'איז געוויס חשוב ווען מ'פאָרט קיין מירון און מ'איז מקיים אַלע מנהגי היום, אָבער מ'דאַרף געדענקן אַז די נקודה פון דעם יום טוב איז נישט תלוי אין דעם.

## ל"ג בעומר איז אַ מתנה אויך פאַר נישט-בעלי מדריגה

און ווי געזאָגט, איז דאָס נישט בלויז נוגע פאַר גרויסע בעלי מדריגה. נאָר **יעדער איד וואָס לערנט אַביסל דעם ענין פון ל"ג בעומר קען זיך זייער גרינג מחבר זיין דערצו מיט אַ געשמאַק און אַ געפיל.** און פאַרשטענדליך אַז אויב לערנט מען נישט די באַדייט פון אַ זאַך, דעמאָלט גייט עס נישט אַריין אין הארץ.

פונקט ווי מ'זאָל צאַמנעמען עטליכע הונדערט דאָקטוירים צו הערן אַ רעדע פון אַ באַרימטער פּראָפעסאָר וואָס פאַרציילט איבער אַ פרישע וואונדערליכע חידוש אין רפואה. און **פונקט פאַלט דאָרט אויך אַריין אַ גאַסט וואָס פאַרשטייט נישט צו קיין דאָקטעריי,** און ער קוקט זיך צו מיט וואונדער וויאַזוי אַלע דאָקטוירים גייען ממש אַרויס פון די כלים און שלינגען מיט התפעלות די דברי חכמה; זיי שפירן אַז ס'ווערט זיי דאָ פאַרענטפערט אומצאָליגע זאַכן; זיי פאַרשטיין אַסאַך מער וואָס זיי האָבן צו טון אויף למעשה; און זיי שמועסן צווישן זיך אַז דאָ הייבט זיך אָן ממש אַ נייע תקופה אין רפואה. אָבער דער גאַסט פאַרשטייט נישט קיין וואָרט און ער כאַפּט בכלל נישט קיין התפעלות.

די אַלע דאָקטוירים זענען **בכלל נישט קיין גרעסערע בעלי מדריגה פון דעם גאַסט.** דער חילוק צווישן אים מיט זיי, איז בלויז אַז די דאָקטוירים זענען עוסק אין דער זאַך. זיי **פאַרשטיין די מושגים, דעריבער האָבן זיי אַ שייכות דערמיט** און זיי האָבן הנאה צו הערן דערוועגן.

## אַז מ'לערנט אָפּ דעם יו"ט, שפירט מען אַ חיות דעריינען

דאָס זעלבע זאַך איז דאָ ביי דברי תורה. צום ביישפּיל, ווען איינער וועט הערן אַ שיעור אויף הלכות ציצית, און ער האָט געלערנט די סוגיות, וועט ער האָבן אַ שטאַרקע תענוג דערפון. **מ'דאַרף זיין אַ בעל מדריגה צו פאַרשטיין הלכות ציצית?! בכלל נישט.** מ'דאַרף אינגאַנצן נישט זיין דער גרויסער עילוי, מ'דאַרף בלויז לערנען און האָבן אַ ידיעה דעריינען. אפילו אַ יונגער בחור'ל קען דאָס טון. און **אַז מ'לערנט די נושא, האָט מען דערנאָך אַן עונג פון אַזאַ שיעור,** ווייל מ'איז מחובר צו דער זאַך.

ווען ס'קומט צו אַ יום טוב, איז דאָס ממש די זעלבע. **וויפיל מער אַ איד לערנט וועגן דעם זמן,** איז ער זיך מער מתחבר דערצו, און **שפּעטער קען ער טאַקע מער הנאה האָבן,** מיטצושפּירן און מיטצולעבן דעם יום טוב.

ב

# נמשחת אשריך; די מתנה וואָס יעדער איד באַקומט אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר

## ל"ג בעומר איז אַ יום שמחה

לאָמיר אַלזאָ רעדן אַביסל וועגן ל"ג בעומר, און איבערחזר'ן אויף די זאַכן וואָס יעדער ווייסט שוין, אָבער עס אַביסל מער צעברעקלען אויף למעשה, אַז מ'זאָל קענען שפּירן אַ שייכות דערמיט.

דער טאָג ל"ג בעומר האָט אין זיך אַסאַך חלקים און יסודות. ס'איז אַ טאָג פון התקשרות לצדיקים. ס'איז אַ טאָג פון זיך מדבק זיין צו רבי שמעון בר יוחאי און זיין תורה. און ס'ליגט דעריינען נאָך אַסאַך ענינים נשגבים. אָבער איינס פון די גרויסע עיקרים פון דעם טאָג איז, **אַז ס'איז אַ 'יום שמחה'.** ס'איז דאָ אַ ספּעציעלע עבודה זיך צו פרייען אין דעם יום טוב.

## מ'דאַרף טרעפן אַ טעם וואָס ברענגט שמחה אין האַרץ

אין די ספרים פון **תלמידי בעש"ט הק'** שטייט אַסאַך טעמים פאַרוואָס דער טאָג איז טאַקע אַזאַ יום שמחה. אַלע טעמים זענען תורה, אָבער ס'איז דאָ פאַרשידענע טעמים וועלכע זענען מער באופן דרושים און סתרי תורה, וואָס ס'איז שווערער אַז דאָס זאָל צוברענגען דעם מענטש צו שמחה אויף למעשה. **מ'דאַרף דעריבער אויסקלויבן די טעמים וואָס מיר קענען פאַרשטיין** און זיך מחבר זיין דערצו.

אַ מענטש זאָל זיך מאַכן דעם חשבון: אויב ס'איז אַ יום שמחה, **לאָמיר פּרובירן צו לערנען טעמים וואָס קענען מיר פרייליך מאַכן און וואָס רעדט צו מיר.** אויב כ'וועל נאָר לערנען טעמים וואָס איז געבויעט אויף חשבונות און גימטריות, איז דאָס אודאי תורה און רוח הקודש, אָבער **איך דאַרף טרעפן דאָס וואָרט וואָס גייט מיר געבן כח צו טאַנצן און זיין פרייליך ל"ג בעומר**; און דאָס וואָרט וואָס זאָל מיר העלפן אַז מיין דאַווענען פון ל"ג בעומר זאָל זיין פול מיט הודאה.

ווייל אַז ל"ג בעומר איז טאַקע אַ יום שמחה **דאַרף דער 'מודים' פון ל"ג בעומר זיין אַן אַנדערע 'מודים'!** אין אַ יום שמחה דאַנקט מען דעם רבוש"ע אַסאַך שטאַרקער. אויב ס'איז אַ יום שמחה דאַרף איך וויסן **וויאַזוי גיי איך זיך פרייליך מאַכן.** מ'קען אויך ווערן פרייליך דורך טאַנצן, אָבער מ'דאַרף דאך האָבן וואָס צו טראַכטן בשעת מ'טאַנצט.

> פאַרוואָס דער טאָג איז אַזאַ יום שמחה, איז ווייל וויפיל מער אַ איד לערנט וועגן דעם זמן, איז ער זיך מער מתחבר דערצו

## ווען מ'באַקומט אַ מתנה, ווערט מען פרייליך

איינס פון די גרויסע סיבות וואָס אַסאַך צדיקים שרייבן, פאַרוואָס דער טאָג איז אַזאַ יום שמחה, איז ווייל **אין דעם טאָג האָט יעדער איד באַקומען אַ מורא'דיגע מתנה.** און ווען אַ מענטש באַקומט אַ מתנה, ווערט ער פרייליך.

מ'זעט דאָס על פי הלכה אַז ס'איז דאָ אַ חיוב צו משמח זיין 'אשתו ובני ביתו ברגל', און דעריבער דאַרף מען קויפן פאַר די קטנים 'קליות ואגוזים ומגדנות' און פאַר די נשים 'בגדים ותכשיטין כפי ממונו', ווייל **ווען אַ מענטש באַקומט אַ מתנה ווערט ער פרייליך.** איבערהויפּט אויב ס'איז אַ זאַך וואָס האָט אים געפעלט און ער וויל דאָס שוין לאַנג האָבן.

ספּעציעל קען מען דאָס זען ביי קינדער, ווען זיי חלומ'ן פון אַ שפּילצייג און מ'גיט זיי דאָס ווערן זיי אַזוי שטאַרק פרייליך. דאָס איז אָבער נישט קיין קינדערישע זאַך, נאָר **ס'איז אַן אמת'ע געפיל אין נפש.** ווען די נפש האָט אַ השתוקקות אויף עפּעס אַ זאַך און ער באַקומט דאָס אַלס אַ מתנה, ווערט ער זייער פרייליך. די פּראָבלעם איז נאָר, אַז ערוואַקסענע מענטשן האָבן בדרך כלל השתוקקות אויף אַזעלכע זאַכן וואָס זיי קענען נישט באַקומען. ער וויל האָבן אַ מיליאָן דאָלער... דעריבער קומט נישט אויס אַזויפיל אַז ער זאָל שפּירן די זעלבע שמחה ווי

דאָס קליין קינד וואָס באַקומט זיין מתנה.

### אין דעם טאָג איז נתגלה געוואָרן אַ מורא'דיגער אור תורה

דער הייליגער **בני יששכר** שרייבט (חודש אייר מאמר ג) אַז דער טאָג ל"ג בעומר, איז דער יומא דהילולא פון רבי שמעון בן יוחאי. אין דעם טאָג איז ער אַרויפגעגאַנגען לשמי מרומים, און מסתמא איז ער אויך געבוירן געוואָרן אין דעם טאָג, ווי די **גמרא** זאָגט (ר"ה יא, א) אַז הקב"ה איז 'יושב וממלא שנותיהם של צדיקים מיום אל יום'.

זאָגט דער בני יששכר אַז אין דעם טאָג, הייבט אן שיינען דער 'אור כי טוב' פון דער תורה, ווייל ס'איז פונקט 'טוב' -17 טעג בעפאָר קבלת התורה, און דערפאַר איז אין דעם טאָג נתגלה געוואָרן אויף דער וועלט די הייליגע נשמה פון רבי שמעון, וואָס די נשמה וועט מגלה זיין אַ נייע ליכטיגע דרך אין תורה.

אַזוי אויך אין דעם טאָג פון זיין הסתלקות, האָט ר' שמעון טאַקע באַפוילן פאר זיין תלמיד, רבי אבא, אַז **ער זאָל אָפשרייבן די אַלע גנזי נסתרות אַז ס'זאָל איבערבלייבן אַ ברכה פון דעם אור הגנוז.** ס'איז אַ טאָג ווען ס'איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער אור אויף דער וועלט, און בזכות די ליכטיגקייט וועלן מיר זוכה זיין צו דעם אור פונעם מלך המשיח.

### דער 'אור הגנוז' פאר יעדן איד

דער בני יששכר לערנט אונז דאָ, אַז צוליב דעם וואָס ביי רבי שמעון איז אין דעם טאָג געוועז אַ מורא'דיגע התגלות ווען ער האָט מגלה געווען אַזעלכע ליכטיגע דברי תורה פון דעם אור הגנוז. דערפאַר **ווערט ביי יעדן איד געעפנט אין דעם טאָג אַ גילוי פון אור תורה.** עס עפנט זיך אַ ליכטיגקייט צו קענען דערהערן זאַכן וואָס איז אים נוגע אין תורה.

מ'זעט טאַקע אַז דער רבוש"ע האָט געשיקט דעם ליכטיגקייט ספּעציעל פאר די ימי הגלות. די גאַנצע תקופה פון רבי שמעון בן יוחאי איז געווען שוין נאָכ'ן חורבן פון דעם בית שני. **אין דעם זעלבן גלות וואו מיר געפינען זיך יעצט!** און רשב"י האָט מגלה געווען דער אור הגנוז פאר אידן אין גלות. דער אור הגנוז באַדייט: **די שייכות וואָס יעדער איד קען האָבן צו מצליח זיין אין תורה**, צו פאַרשטיין תורה און זיך פירן על פי תורה[א].



וְעַתָּה אַתָּה בְּרוּךְ ה' קוֹרֵא נָעִים, תַּשְׂכִּיל וְתָבִין, אֲשֶׁר בְּיוֹם זֶה הַתְחָלַת הִתְגַּלּוּת הַטּוֹב שֶׁל הַתּוֹרָה שֶׁנִּגְנַז בָּהּ הָאוֹר כִּי טוֹב, הוּא הָאוֹר שֶׁהָאָדָם מַבִּיט בּוֹ מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ, בְּזֶה הָאוֹר רוֹאִין מִסְטוֹרִין שֶׁל יוֹצֵר בְּרֵאשִׁית.

הִנֵּה ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי קְרָאוּהוּ בּוּצִינָא קַדִּישָׁא, כִּי עַל יָדוֹ נִתְגַּלּוּ בְּאִתְגַּלְיָא סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, הוּא סוֹד הָ'אוֹר כִּי טוֹב' הַגָּנוּז בַּתּוֹרָה, עַל כֵּן נִקְרָא סִפְרוֹ הַקָּדוֹשׁ 'זוֹהַר', אוֹר הַמַּבְהִיק מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ, אוֹר הַטּוֹב הַגָּנוּז בַּתּוֹרָה. עַל כֵּן יוֹמָא הָדֵין טו"ב יָמִים לְמַתַּן תּוֹרָה, אֲשֶׁר מַתְחִיל לְהִתְנוֹצֵץ הָאוֹר כִּי טוֹב בַּתּוֹרָה וּכְמוֹ שֶׁנִּתְבָּאֵר לְעֵיל.

הִנֵּה יוֹם הַזֶּה ל"ג בָּעוֹמֶר יוֹמָא דְּהִילוּלָא דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי, בּוֹ בַּיּוֹם עָלָה לִשְׁמֵי מְרוֹמִים, וּמִסְתָמָא בְּיוֹם זֶה נוֹלַד גַּם כֵּן כִּי הקב"ה יוֹשֵׁב וּמְמַלֵּא שְׁנוֹתֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים מִיּוֹם אֶל יוֹם (ר"ה יא, א), הִנֵּה בּוֹ בַּיּוֹם שֶׁמַּתְחִיל הָאוֹר כִּי טוֹב לְהָאִיר מִן הַתּוֹרָה הַיְנוּ טו"ב יָמִים קֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה, בּוֹ בַּיּוֹם נִתְגַּלֵּית הַנְּשָׁמָה הַקְּדוֹשָׁה בְּעוֹלָם אֲשֶׁר תְּגַלֶּה דֶּרֶךְ אוֹר כִּי טוֹב בַּתּוֹרָה. עַל כֵּן נִקְרָא הַקָּדוֹשׁ הַהוּא בּוּצִינָא קַדִּישָׁא (הַיְינוּ נֵר הַקָּדוֹשׁ).

בּוֹ בַּיּוֹם עָלָה לִשְׁמֵי מְרוֹמִים וְצִוָּה לר' אַבָּא לִכְתֹּב כָּל הֲגְנְזֵי נִסְתָּרוֹת אֲשֶׁר נִתְגַּלּוּ לְהַשְׁאִיר בְּרָכָה מֵהֶאָרַת הָאוֹר הַגָּנוּז שָׁמוּר לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד יִתְגַּלֶּה בִּמְהֵרָה אוֹר מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רז"ל וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר זֶה אוֹרוֹ שֶׁל מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ. בִּזְכוּת הִתְעַסְּקוּת בְּהָאוֹר כִּי טוֹב אֲשֶׁר הִשְׁאִיר בּוּצִינָא קַדִּישָׁא לִבְרָכָה וּלְחַיִּים וּלְאוֹר לְכָל יִשְׂרָאֵל.

ג

## בר יוחאי אור מופלא רום מעלה; דער אור וואָס ווערט נתגלה אין דעם טאָג מאַכט אונז ליכטיג

### דער אור תורה העלפט אונז אָנקומען צום תכלית

אפילו אויב מען שטעלט זיך אָפּ דאָ, בלויז ביי די ווערטער פון דעם בני יששכר, **איז דאָס שוין גענוג צו ברענגען אַ געוואַלדיגע שמחה פאר אַ איד**, ווען ער טראַכט אַריין אַז אין דעם טאָג איז אַראָפּגעקומען אַ ברכה און אַ ליכטיגקייט **וואָס העלפט מיר ביז'ן היינטיגן טאָג** אַז איך האָב יעצט אַ ווארימקייט צו אידישקייט!

אָבער נאָכמער דערפון: מיר ווייסן דאך דעם כלל, אַז יעדן יום טוב ווערט נאָכאַמאָל נתעורר די זעלבע השפּעות וואָס איז געווען ביים ערשטן מאָל, ווי מ'זאָגט אין דער ברכה 'בימים ההם בזמן הזה'. דאָס באַדייט אַז **אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר גיסט זיך פרישע הבנות און ליכטיגקייטן פון תורה פאר יעדן פשוט'ן איד**, וואָס דאָס פעלט אונז אַזוי שטאַרק אויס! ווען אַ איד וואָלט געהאַט אַביסל אָפענע אויגן וואָלט זיין גרעסטע תשוקה געווען, צו קענען פּטור ווערן פון זיינע נאַרישע געוואוינהייטן. **די סיבה פאַרוואָס ער טרעפט נישט קיין וועג וויאַזוי זיך צו מתגבר זיין אויף אַלע סאָרט נסיונות, איז ווייל ס'פעלט אים דער אור פון תורה**, אָבער ווען ס'קומט אים אַ מתנה פון ליכטיגקייט, דעמאָלט טרעפט ער דעם וועג!

מ'קען עס זען ביי אומצאָליגע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געמוטשעט אויף אַ זאַך ברוחניות, און דער אויבערשטער האָט זיי געהאָלפן, זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט דערפון.

א. בדרך אגב, דער בני יששכר איז מבאר אַז דוקא דורכדעם וואָס רבי אבא האָט אַראָפּגעשריבן די אַלע גילויים אין דעם טאָג, איז געבליבן די ליכטיגקייט אויף דער וועלט. מ'קען צושטעלן דערצו, וואָס ס'ווערט פאַרציילט אַז דער הייליגער **ראָפּשיצער רב** זי"ע האָט געשריבן זיינע דברי תורה און ער האָט דערנאָך פאַרברענט די כתבים, זאָגנדיג אַז ער האָט דאָס נאר געשריבן כדי אַריינצוברענגען די תורה אין דעם עולם העשי'.

דער ראָפּשיצער רב איז דאך געווען דער 'יחיד בדורו בחכמת אלקים' און ס'איז אים נתגלה געוואָרן אַזעלכע אורות אין תורה וואָס ער האָט געדאַרפט עפּעס טון דערמיט. דער צדיק האָט געוואוסט אַז ס'איז נישט בלויז אותיות מיט ווערטער, נאר ס'איז אַ מורא'דיגע אור וואָס גייט העלפן פאַר אידישע קינדער זאלן נאָנטער ווערן צום רבוש"ע. דעריבער האָט עס דער ראָפּשיצער רב פאַרשריבן, אַז ס'זאָל אַראָפּקומען דאָ אויף דער וועלט, הגם קיינער וועט עס נישט זען, און הגם קיינער וועט אפילו נישט וויסן דערפון. אָבער דער אור איז שוין אָפּגעשריבן געוואָרן און ס'איז אַריינגעקומען אין דער וועלט צו העלפן אידן, אויך נאָכדעם וואָס ס'איז פאַרברענט געוואָרן.

וואָס איז געשען? **ס׳איז גאָרנישט ספּעציעל געשען. בלויז אַז זיי האָבן באַקומען אַ ליכטיגקייט** וואָס האָט זיי קלאָר געמאַכט דעם ריכטיגן וועג.

### וויאַזוי קען נתחבר ווערן אַ פרישע חידוש אין נגינה?!

צו פאַרשטיין בעסער די נקודה:

יעדער איינער ווייסט אַז טראָצדעם וואָס ס׳איז דאָ אומצאָליגע ערליי ניגונים, איז אָבער **בסך הכל דאָ בלויז זיבן נאָטן פון נגינה.** אויב מ׳רעכנט אויך די האַלבע טענער איז דאָ 12 נאָטן. דאָס איז די גאַנצע וואָס מ׳האָט, ווען מ׳וויל מאַכן אַ ניגון.

אויב אַזוי, שטעלט זיך די שאלה: די אַלע נאָטן זענען שוין אָפּן פאַר טויזנטער יאָרן, **ס׳איז ׳מונח בקרן זוית׳ און ווער ס׳וויל קען זיך שפּילן דערמיט צו מאַכן אַ ניגון,** און אין אַלע דורות זענען טאַקע געווען ריזיגע מלחינים. איז **וויאַזוי קען זיין אַז היינטיגע צייטן זאל איינפאַלן פאר אַ מענטש אַ ניגון וואָס איז אַ נייער חידוש?!**

אפילו בדורינו הערט מען אַמאָל פון אַ פרישע וואַרימע אמת׳ע ניגון וואָס איז נתחדש געוואָרן דורך אַן ערליכער איד. ס׳מאַכט זיך טאַקע נישט קיין סאַך, אָבער **אַמאָל קומט יאָ אַרויס אַ חידוש פון אַ ניגון, אַ באָמבע וואָס איז ממש הפלא ופלא, וויאַזוי קען דאָס זיין?!** די נאָטן זענען דאָך נישט עפּעס אַ סוד וואָס איז נישטאָ געווען ביז יעצט?!

### אַ נייע ניגון דאַרף אַנטפּלעקט ווערן

די תשובה דערויף איז, אַז **דער ניגון דאַרף נתגלה ווערן!** מ׳קען פרעגן די מענטשן וואָס זענען מלחין ניגונים. זיי זאָגן אַלע, אַז **אַ ניגון דאַרף אַריינקומען ווי אַ מתנה פון הימל.** זיי ווייסן אַליין נישט וויאַזוי דאָס מסביר צו זיין.

אַ חלק פון די מלחינים רעדן אַ ׳כוחי ועוצם ידי׳ שפּראַך, ווייל זיי זענען נעבעך נישט גענוג ערליכע אידן צו האָבן די ריכטיגע ווערטער אין מויל. אָבער ס׳איז דאָ מלחינים וואָס זענען יאָ חסידיישע און ערליכע אידן און זיי זאָגן דעם אמת: **״עס איז מיר נתגלה געוואָרן דער ניגון, כ׳קען דיר נישט מסביר זיין וויאַזוי״...**

דער ניגון איז דאָ אויף דער וועלט, אָבער השי״ת דאַרף העלפן אַז ס׳זאָל נתגלה ווערן, און אין יענע סעקונדע שפּירט מען דערינען אַ נייע דערהער און משמעות. **אין חב״ד איז געווען די שפּראַך: ״זאָג אַ ניגון״,** ווייל יעדע ניגון האָט אַ הסבר, **יעדע ניגון האָט אַן עומק, ס׳זאָגט עפּעס;** מ׳קען עפּעס מסביר זיין מיט דעם ניגון! מ׳זעט טאַקע אַז ס׳איז דאָ ניגונים וואָס גייען

> **אין דעם טאָג פון ל״ג בעומר גיסט זיך פרישע הבנות און ליכטיגקייטן פון תורה פאר יעדן פּשוט׳ן איד וואס דאס פעלט אונז אַזוי שטאַרק אויס!**

אַזוי פּאַסיג צוזאַמען מיט די ווערטער אַז מ׳קען כאַפּן התפּעלות דערפון. דער ניגון ליגט ממש אינעם ווארט און עס פאַרציילט אַ מעסעדזש. וויאַזוי איז דאָס געוואָרן? דער מלחין אַליין ווייסט נישט. ס׳איז אים נתגלה געוואָרן!

### מ׳דאַרף גאָרנישט טוישן, בלויז אַביסל ליכטיגקייט

דאָס זעלבע איז מיט דער ליכטיגקייט פון תורה. יעדער איד דאַרף אָנקומען דערצו. ער דאַרף וויינען און מתפּלל זיין דערויף; ער דאַרף זיין בטל און מחובר צום רבוש״ע און צו צדיקים, און דעמאָלט קומט אן די ליכטיגקייט צו אים. **ווען די ליכטיגקייט ווערט נתגלה, דעמאָלט ווערן אַלע שווערע פּראָבלעמען מסודר, אָן דעם וואָס דער מענטש זאל דאַרפן איבערקערן אַ וועלט.** דער רבוש״ע ברענגט אים אַ נס אַז גאָרנישט דאַרף זיך נישט טוישן, אָבער דער מענטש ווערט אויפגעראָכטן.

אַמאָל איז דאָ מענטשן וואָס גייען דורך אַ שוועריגקייט און זיי זענען מחליט: ״ווייסטו וואָס? איך וועל גיין וואוינען אין אַ צווייטע שטאט. כ׳וועל טוישן חסידות...״ מיינענדיג בטעות אַז נאר אַזוי וועלן זיי אַרויסגיין פון דעם פּראָבלעם. ס׳איז נישט אַלעמאָל אָפּגעפרעגט, ווייל ס׳איז דאך דאָ אַ מושג פון ׳משנה מקום משנה מזל׳, אָבער **ביי אַסאַך מענטשן איז פּראָגראַמירט אין קאָפּ אַז אויב וויל ער האָבן אַ ישועה דאַרף ער געבוירן ווערן נאָכאַמאָל...** ער דאַרף עוקר זיין אַלעס וואָס איז געווען ביז יעצט. **דאָס איז נישט ריכטיג.** עס דאַרף בלויז נתגלה ווערן אַ פרישע ליכטיגקייט און אַלעס קען ווערן מסודר, אפילו אויף דעם פּלאַץ וואו דו געפינסט זיך יעצט!

### די לאַנגע וועגן זענען געוואָרן אַ ברכה

צום ביישפּיל: אַ יונגערמאַן דאַרף פאָרן צו דער אַרבעט יעדן טאָג אַ וועג וואָס געדויערט אַ שעה מיט צוואָנציג מינוט. דאָס מוטשעט אים זייער אויס און ער שפּירט אַז ס׳מאַכט אים קאַליע דעם גאַנצן טאָג. שוין פינף יאָר וואָס ער בעט פון השי״ת אַז ער זאָל אים טוישן די אַרבעט: ״ווען איך האָב ווען מיין פּרנסה נעבן די שטוב, וואָלט איך געלערנט מער, וואָלט איך געווען מער מיט מיינע קינדער. ס׳איז אַ גוטע אַרבעט, אָבער ס׳האָט דאָך נישט קיין פּשט צו זיין יעדן טאָג אויף די וועגן אַזוי לאַנג״...

ביז איין טאָג האָט אים דער רבוש״ע געעפנט אַן אור. **ער הייבט אָן צו הערן אַ שיעור פון דברי תורה אויפ׳ן וועג, און פּלוצים איז דאָס געוואָרן די בעסטע חלק פון זיין טאָג!** ער שפּירט אַז זיין גאַנצע ישועה ברוחניות קומט בלויז פון דעם פאַקט אַז זיין אַרבעטס פּלאַץ איז ווייט פון אים, און דורכדעם איז זיין גאַנצע רוחניות נשתנה געוואָרן מן הקצה אל הקצה. שוין פינף יאָר וואָס ער שרייט צום רבוש״ע אַז ער זאָל דאָס אַוועקנעמען. אָבער **דער אויבערשטער האָט אים געוויזן אַז מ׳דאַרף גאָרנישט אַוועקנעמען...** לאָז עס פונקט ווי ס׳איז, מ׳דאַרף נאר אַריינשיינען דאָרט אַביסל ליכטיגקייט.

### ל״ג בעומר באַקומט מען די מתנה פון ליכטיגקייט אין לעבן

די מעשה איז בלויז איין דוגמא פון אַזויפיל אַנדערע ביישפּילן, וויאַזוי דער אור תורה ווערט פּלוצים נתגלה פאַר׳ן מענטש און דעמאָלט ווערט ער אַ געהאָלפענער, טאַקע אין זיין יעצטיגן מצב.

דער טאָג פון ל״ג בעומר איז מסוגל פאר אָט דער זאַך! אין דעם טאָג גיסט זיך אַ התגלות פון ליכטיגקייט. **ס׳איז אַ יום ברכה, ווען עס קומט אַראָפּ אַזאַ שפע פון אור התורה פאר יעדן איד.** דאָס אַליין איז די גרעסטע סיבה אַז מ׳זאָל זיך פרייען: **איך האָב היינט באַקומען אַ מתנה!** דער רבוש״ע האָט מיר געשיקט אַ ליכטיגקייט אין לעבן. **טראָצדעם וואָס כ׳זע עס נאָכנישט, אָבער מתנות קומען געווענליך איינגעפּאַקט און מ׳קען עס נישט גלייך זען פון אינדרויסן.** ווען אַ איד גלייבט אמת׳דיג אין דעם, ברענגט דאָס אים אַ געוואַלדיגע שמחה.

השי״ת זאָל אונז טאַקע געבן די ריכטיגע כלים אויסנוצן אַזאַ ליכטיגער טאָג.

נקודה למחשבה

# אַ מעשה פאַרציילט דורך אַ כלי ראשון
## געהאָלפן געוואָרן ביי רבי שמעון אין ניו יאָרק

מתוך שיעור יום ה' אמור תשפ"א

### קאָראָנא פאַרשפּאַרט דעם וועג קיין מירון

הערט אַ מעשה וואָס עס האָט פאַרציילט אַ היימישער יונגערמאַן מיט עטליכע וואכן צוריק:

דער איד האָט אַסאַך יאָר געוואַרט צו געהאָלפן ווערן מיט קינדער, אָבער דערווייל האָט ער ליידער נאָכנישט זוכה געווען דערצו. במשך די ווינטער חדשים פון שנת תש"פ האָט ער געהאַפּט און אַרויסגעקוקט, אַז **ווען ס'וועט קומען ל"ג בעומר וועט ער פאָרן קיין מירון**, און דאָרט פועל'ן אַ ישועה פאר זיין צרה.

דערווייל איז אָבער אונטערגעקומען די קאָראָנא תקופה און השי"ת האָט געפירט די וועלט אַנדערש. ער האָט נישט געקענט פאָרן קיין מירון און ער איז געווען צעבראָכן דערפון. **ס'האָט אים זייער וויי געטון אַז זיין גאַנצע פּלאַן איז געוואָרן צעשטערט**, נאָכדעם וואָס ער האט שוין אַזוי לאַנג געקלערט אַז דאָרט וועט ער געהאָלפן ווערן.

### מ'קען פאָרן צו רבי שמעון ביי זיך אינדערהיים

יענעם שבת האָט דער איד געהערט די דברי תורה פון זיין רבי, איינער פון די צדיקי הדור, וואָס האָט בתוך דבריו אַרויסגעברענגט אַז אַ איד דאַרף וויסן אַז **מ'קען אַלעמאָל פאָרן צו רבי שמעון, וואו מ'געפינט זיך נאר.** אויב לערנט מען אַביסל זוהר הק', מען מאַכט אַ סעודה, מ'צינדט ליכט, און מ'איז זיך מתבונן בדברי תורתו. ווייל אַ תלמיד קען זיך מקשר זיין צו זיין רבי איבעראַל. ווען דער פסוק זאָגט: 'לא בשמים היא, ולא מעבר לים היא, כי קרוב אליך הדבר מאוד', איז דאָס געזאָגט געוואָרן אויף אַלע חלקים פון דער תורה. **ס'איז אויך דאָ אַ חלק אין דער תורה פון 'נסיעה לצדיק', און מ'קען דאָס אייביג מקיים זיין.** אויב מ'איז געווען אַ 'חשב לעשות מצוה ונאנס' און מ'טוט וויפיל מ'קען זיך מקשר צו זיין מיט דעם צדיק, ווערט דאָס גערעכנט כאילו מ'האָט דאָס געטון בשלימות.

הערנדיג אַזעלכע ווערטער האָט דער יונגערמאַן מחליט געווען אַז אַנשטאָט צו זיין צעבראָכן און אַנשטאָט זיך צו באַקלאָגן אַז ער האָט פאַרפאַסט דעם ל"ג בעומר, **גייט ער פראַוון דעם יום טוב, כאילו ער וואָלט געפאָרן אַ נסיעה קיין מירון.** ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין שטוב, ער האָט געצינדן ליכט, געלערנט זוהר הק', און געמאַכט אַ גרויסע סעודה. **ער האָט געהעריג געפראַוועט דעם ל"ג בעומר און ער איז ממש געפאָרן קיין מירון ביי זיך אינדערהיים.** בשעת מעשה האָט ער צוגעזאָגט אַז ווען ער גייט געהאָלפן ווערן מיט אַ בן זכר וועט ער געבן דעם נאָמען 'שמעון'.

וויינער ווי אַ יאָר שפּעטער, ג' אדר שנת תשפ"א, **האָט דער איד געהאָלזט זיין יונגעלע ב"ה, נאָך אַסאַך יאָר וואַרטן.** ויקרא שמו בישראל: שמעון.

### זיך מדבק זיין צו דער תורה פונעם צדיק איז השתטחות על קברו

ווען אַ מענטש כאַפּט אַז די סגולת היום אַרבעט אויף אַ רוחניות'דיגע אופן, פאַרשטייט ער אַז מ'קען דאָס אויך טון מריחוק מקום, ווי צדיקים האָבן מסביר געווען אַז **אפילו ווען מ'איז ווייט, קען מען זיין נאָנט.**

אין ספרים הק' איז מבואר אַז ווען מ'לערנט די תורה פון אַ צדיק איז דאָס אַ בחינה פון השתטחות אויפ'ן ציון פון דעם צדיק. אין ספה"ק **מאור עינים** שטייט (ישמח לב, מסכת שבת) אַז **לערנען די תורה פונעם צדיק איז נאָך אַ העכערע מדריגה פון השתטחות!** ווייל השתטחות איז טייטש אַז דער מענטש איז זיך מקשר זיין נשמה צו די נשמה פון דעם צדיק, און **דער צדיק האָט דאָך אַריינגעלייגט זיין נשמה אין זיינע דברי תורה!** ווען דער מענטש לערנט די תורה פונעם צדיק, **איז ער זיך מקשר צום צדיק אַליין.** ער האָט אַ געוואַלדיגע שייכות מיט די ליכטיגקייט פון דעם צדיק וואָס ליגט באַהאַלטן אין זיינע דברי תורה.

יעדער איד, אויף וועלכע פּלאַץ ער געפינט זיך נאר, אויב פּרובירט ער אין אַזאַ טאָג ווי ל"ג בעומר, צו לערנען די תורה פון רבי שמעון, צו טאַנצן דערמיט, צו מהרהר זיין בתשובה דערמיט, צו גלייבן דערינען, **קען ער דורכדעם באַקומען די מורא'דיגע אור פון רבי שמעון בן יוחאי,** מיט אַלע גוטע השפעות טובות.


## פטרון השבוע

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

לע"נ הרה"ח ר' **מרדכי** בן ר' **אלעזר** ז"ל
נפטר ביום ל"ג בעומר

נדבת בנו ידידנו
ר' **ישראל בריעגער** הי"ו

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות
און די הפצת
הגליון אדער פאר
סיי וועלכע הערות
ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

קול הבינני

| | |
|---|---|
| ארה"ב | 718.686.8300 |
| א"י | 072.257.7726 |
| בריטניה | 0204.586.2115 |
| בלגיה | 03.300.0223 |

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

**בארא פארק**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקעל #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont
ביהמ"ד דאמבראוו
ביהמ"ד וויזל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

**קרית יואל**
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוד